# אונזער תורה קוואל

**פרשת שמות**

**דער ווינקל פאר יוגנט:**

**דברי תורה, סיפורי צדיקים, ידיעות פון די וואך, און נאך און נאך**

ארויסגעגעבן דורך:

**תלמוד תורה יטב לב דרב"י מסאטמאר**

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע | בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

קרית יואל | בני ברק



תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# חידו"ת לפרשת שמות

**ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה.**

וברש"י כתב אע"פ שמנאן בחייהן בשמותם חזר ומנאן במיתתן להודיע חיבתן, נראה בהקדם מה שפי' השל"ה עה"פ וזכרתי את בריתי יעקב, וקשה הא פסוק זה של נחמה ואיך בא בתוך הקללות, וי"ל כי אף זה הוא מתוכחת מוסר כי אינו דומה רשע בו רשע החוטא, לרשע בן צדיק שראה אביו מתנהג בחסידות, וכן אינו דומה מי שהוא דר במקום מכוער למי שהוא דר במקום תורה, וע"ז אמר ה' אזכור לך אלו הדברים שאתה מזרע אבות הקדושים, וגם הארץ אזכור כי נתתי לך ארץ ישראל שאוירה מחכים ע"כ, ובזה פי' בעצ"ח מה שהתפלל יעקב בסודם אל תבא נפשי ובקהלם אל תחד כבודי, שהתפלל שלא יזכר להם בחטאתם ח"ו שהם מבניו ועי"כ יוגדל אשמתם, וז"ש ואלה שמות בנ"י הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו, דהיינו שכ"ז שהיו במצרים היו עם יעקב אבינו משום דבנ"י במצרים היו מצוינים וכשרים והיו ראוי להם שיזכר עליהם שמו של יעקב אביהם ושמות השבטים כאשר מונה והולך, ולזה נתכוון רש"י שמנאן במיתתן להודיע חיבת"ן, היינו להודיע חיבת האנשים החיים דאל"ה מוטב שלא יזכר שמותם שלא להוסיף על עונש עליהם כאשר בקש ובסודם אל תבא נפשי, משא"כ כאשר הולכים בדרך הישרה אז אע"פ שמנאן בחייהם ראוי להזכירם גם במיתתן להודיעי שבח בניהם ההולכים בדרכיהם.

(כ"ק מרן רבינו שליט"א)

**ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך.**

במדרש פליאה חד אמר בקל וחומר וחד אמר בגזירה שוה, והיא פלאי, עוד איתא במדרש על הפסוק הנ"ל ר"א אומר בפה רך ר"ש בר נחמן אומר בפריכה בעבודה המפרכת את הגוף ומשברתו. ואפ"ל דתליא פלוגתתם בפלוגתא דר"י וריש לקיש, דרבי יוחנן סבר יסורים ממרקין עוונותיו של אדם ילפינן מק"ו משן ועין, מה שן ועין שהן אחד מאבריו של אדם עבד יוצא בהן לחירות, יסורין שממרקין כל גופו על אחת כמה וכמה, ורבי שמעון בן לקיש יליף לה מגז"ש נאמר ברית במלח, ונאמר ברית ביסורין, מה ברית האמור במלח מלח ממתקת את הבשר, אף ברית האמור ביסורין (בתוכחה) יסורין ממתקין עונותיו של אדם. והנפק"מ בין ר"י לר"ל, דרבי יוחנן כל מה שהיסורים קשים יותר הם ממרקים יותר שהרי הק"ו חזק יותר, אבל לר"ל דיליף מגז"ש די במעט יסורים דומיא דמלח דרק מעט מלח ממתק את הבשר אבל אם יפזר עליו הרבה מלח יקלקל את המאכל.

ובזה אפ"ל דהפלוגתא של המדרש פליאה והפלוגתא במדרש רבה פליגי בפלוגתא דר"י ור"ל, דחד אמר בקל וחומר ור"ש בר נחמן סבירא כרבי יוחנן דיליף מק"ו לכך פירשו בפרך בעבודה קשה המפרכת את הגוף, וחד אמר בגזירה שוה ור"א סבירא כריש לקיש דיליף מגז"ש דמלח ודי במעט יסורים לכך פירשו בפה רך.

וכתבו התוס' דהיכא דאיכא למילף מגז"ש ומק"ו ילפינן מגז"ש, דק"ו איכא למיפרך בפירכא כל

בס״ד

דהו, וגם הכא איכא למיפרך דאין ראיה מעבד כנעני לישראל.

**(דברי יואל)**

## הבה נתחכמה לו.

איתא במדרש נתחכמה לבטל מהם את השבת, והוא תמוה, ונראה עפ״מ דאיתא במדרש (ילק״ש שמות י״ד רל״ד) דכשהיו ישראל אצל הים טען שרו של ים לפני הקב״ה הללו עובדי ע״ז והללו עובדי ע״ז ולמה אלו נגאלין, ובגמ׳ איתא (שבת קי״ח:) כל המשמר שבת כהלכתו אפי׳ עובד ע״ז כדור אנוש מוחלין לו, לכן אם היו משמרין שבת כהלכתו אז לא היה יכול הס״מ לטעון שגם ישראל עבדו ע״ז לפיכך אמרו הבה נתחכמה לו לבטל את השבת ויהיו נענשים על זה שעבדו ע״ז.

**(ילקוט האורים)**

## ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך.

ודרשו חז״ל שמתחילה היה ברך ואח״כ בקשה ולכן התקינו חז״ל לקחת מרור בפסח שתחילתו מתוק וסופו מר, ולכאורה למה התקינו זכר לתחילה שהי׳ רך הלא זה לא היה מן הגזירה, ואפ״ל עפ״י הירושלמי דס״ל שתחילתו רך היינו כשהי׳ יוסף במצרים היה להם כל טוב כמו שאמר ואכלו את חלב הארץ ולבסוף קשה ר״ל דבסוף עבדו בישראל עבודה קשה, ולעבוד בפרך אצל מי שהי׳ אוהבו מקודם הינו דבר קשה מאוד דאצל מי שהיה מאז שונאו יודע הוא שהוא שונאו אבל אם היה אוהבו ואח״כ נהפך לשונאו וצריך לעבוד לו מעשה עבד זהו דבר קשה מאוד לכן גם הוא כיון שתחילתו רך היינו שקודם הטיבו מצרים לבני ישראל כנ״ל ואח״כ עבדו בהם זהו עיקר שיעבדו ועל כן עושים זכר בדבר שתחילתו מתוק כי גם זה הוא מצרת השיעבוד.

**(כתב סופר)**

## כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו.

יש להבין למה ציוה דוקא שיטביעו אותם ולא שיהרגום במיתות אחרות כמו שאמר קודם אם בן הוא והמיתן אותו.

ונראה דהנה איתא בסנהדרין דף ס״ז דפעם קנה אחד חמור במצרים והביאו לביתו, וכשהלך להשקות את החמור מים, נהפך החמור לדף של עץ, כי באמת היה דף אלא שהמצרי עשאו לחמור ע״י כישוף, ומכיון שאין הכישוף שולט במים, לכן כשנגע במים נחלף הכישוף והדף חזרה לקדמותו.

ומטעם זה ציוה פרעה להשליכם ליאור, כי באם לא ירצה המצרי שיהרגו את בנו, לזאת יחליף המצרי איזה חפץ לילד ויתן זאת ליד השוטרים כדי להציל את בנו האמיתי, ואז בבואם להמים יחזור לקדמותו ויראו כי רימה אותם, ויחזרו לביתו לקחת את הבן האמיתי, ולכן ציוה כל הבן הילוד היאורה תשליכהו.

**(הגה״ק רבי יהונתן אייבשיץ זי״ע)**

## הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי.

ופי׳ רש״י מכאן אנו למדים שהרגו בשם המפורש, איתא בספרים שיכולים להרוג ע״י אמירת שם המפורש בכדי להרוג ישראל צריך להוציא את כל ד׳ האותיות של שם המפורש אבל בכדי להרוג גוי די שיאמר רק חצי השם המפורש היינו י״ה ולפי זה בכדי להרוג את המכה היה משה צריך לומר את כל השם המפורש אבל משה הרי היה כבד פה

בס"ד

ולא היה יכול להוציא בשפתיו אותיות בו"מ"ף ולכן לא היה יכול לומר את כל השם המפורש היינו החצי שהם ו"ה, וזה שאמר "הלהרגני אתה אומר" אתה רוצה להרוג אותי ע"י אמירת שם המפורש "כאשר הרגת את המצרי" כמו שהרגת את המצרי בשם המפורש זה אתה יכול רק את המצרי אבל בכדי להרוג אותי אתה צריך לומר את כל השם וזה אין אתה יכול.

**(פנינים יקרים)**

## וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה.

ופרש"י שפי' וימת מלך שנצטרע והיה שוחט תינוקות של ישראל ורוחץ בדמן, והקשה המזרחי דא"כ למה כתיב ויאנחו 'מן העבודה', והתירוץ דהנה הקב"ה אמר לאברהם ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה ולא היה רק רד"ו, וכתבו המפרשים דמחמת שישראל פרו ורבו מאד היו עובדין ברד"ו שנה כמו בארבע מאות שנה, דריבוי העם השלים הזמן, ואיתא נמי דקושי השיעבוד השלים, וא"כ כשפיחת ומיעט ר"ל ששחט את ילדי ישראל כנ"ל נתבטל התירוץ דריבוי העם השלים, ממילא צריך להיות קושי השיעבוד שישלים, וזה שאמר וימת מלך מצרים שנצטרע וע"כ הרג את ילדי ישראל, והוצרכו לקושי השיעבוד להשלים, וז"ש ויאנחו בני ישראל מן העבודה.

**(ישמח משה)**

## ויצו פרעה לכל עמו לאמר כל הבן הילוד היאורה תשליכהו.

וברש"י שגזר אף על המצרים. יש להבין מפני מה גזר כן אף על המצרים רק אחר שסירבו המילדות למלאות את חפצו ולא הרגו את הילדים, ולא גזר כן בפעם הראשון. ונראה עפ"י שיטת הר"ת (מובא בפר"ד דרוש כ"ב דלא אמרינן דינא דמלכותא דינא אלא כשהמלך גוזר גזירה בשוה לכל בני מלכותו, אבל אם גוזר רק על אנשים מסוימים, אז אין דינו דין. וזה שאמר הכתוב, ויקרא מלך מצרים למילדות ויאמר להן מדוע עשיתן הדבר הזה ותחיין את הילדים, והלא דינא דמלכותא דינא. ותאמרן המילדות אל פרעה כי לא כנשים המצריות העבריות, כלומר דאין הגזירה על המצריות כי אם רק על העבריות, ואז אין אומרין דינא דמלכותא דינא, וכששמע פרעה דבר זה, ויצו פרעה "לכל עמו" אף להמצריים שיהרגו את הזכרים, ואז תחול גזירתו.

**(הגאון בעל קצות החושן זצ"ל)**

## וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי. ותהר האשה ותלד בן וגו'.

וברש"י בת ק"ל שנה היתה, והקשה האבן עזרא בפ' ויגש, למה לא הזכיר הכתוב את הפלא הזה שאשה ילדה בן בהיותה בת ק"ל שנה, והזכיר רק את מעשה שרה שילדה בת תשעים.

ונראה עפ"י משל לבני עניים שדיברו ביניהם על אודות עיר פלונית, והאחד מהם היה משבח איש אחד שהוא הנדיב הגדול ביות שבכל העיר, יען שנתן לו שני זהובים בפעם אחת. ענה השני, זה אינו אלא איש אחר הוא הנדיב הגדול, כי הוא נתן לי זהוב אחד, צחק הראשון והלא ב' זהובים עדיפים מזהוב אחד, אמר לו רעהו, אימתי היית אצל הנדיב שלך, השיב לו הלה שהדבר היה בפורים. אמר לו השני, א"כ אין כאן חידוש שנתן לך ב' זהובים אז, כי פורים יום משתה ושמחה

בס"ד

הוא ואז הכל מתנדבים בתשואות חן, אבל אני הייתי אצל הנדיב השני בחודש תמוז, ואז נתן לי זהוב שלם, וזה מוכיח באמת על נדיבת לבבו.

והנשל הוא כי יוכבד ילדה במצרים שאז היה עת רצון כמו בפורים, שהרי כל הנשים היו יולדות ששה בכרס אחד, ואי"כ אין כ"כ חידוש ופלא שילדה גם יוכבד בת ק"ל שנה, ולכן אין התורה מספרת את הדבר נפלא הזה, אבל בעת שילדה שרה לתשעים שנה, היה כמו תמוז שלא היה נשמע מעולם נס כזה, ולכן הזכיר הכתוב חידוש ופלא הזה. **(המגיד מדובנא ז"ל)**

## וימררו את חייהם.

הנה הטעמים של התיבות "וימררו את חייהם" היא קדמא ואזלא וי"ל דבא לרמז מה שאמרו חז"ל מפני מה לא היו ישראל במצרים רק רד"ו שנים (210) הלא הגזירה היה ד' מאות שנה (400) ותירצו דקושי השיעבוד השלים הזמן, וזהו שמרמז "קדמא ואזלא" פירוש שקדמו ואזלו (ויצאו) קודם הזמן הקבוע, ולזה תירץ ש"וימררו את חייהם בעבודה קשה" ועל ידי זה יצאו קודם הזמן. **(קול אליהו)**

## ותקרא שמו משה ותאמר כי מן המים משיתיהו.

ויש להבין מדוע נקרא משה רבינו בכל התורה רק בשם "משה", והלא היו לו עוד שמות, יקותיאל,אביגדור, שהם מורים על דברים גדולים כמובא בחז"ל.

ונראה לבאר על פי משל לאדם שמצא ילד במדבר, וריחם עליו והכניסו לביתו, ונתן לו די מחסורו, הלא וודאי שהילד הזה כשיגדל יכיר טובה ויודה לאיש זה בלי שיעור וערך, שאם לא היה מצילו הי' מת מרעב וצמא, וכך הוא אצל כל אדם, דאילולא רחמי ה' וחסדיו, הי' יכול למות, או חלילה שיקרה לו כל מיני פגעים רעים, ומטעם זה בוודאי על האדם להודות ולשבח להשי"ת תמיד בכל לבו.

ולכן התורה הקדושה שהיא מלשון "הוראה" מלמדת אותנו שקוראו בכל מקום "משה" שפירושו כי מן המים משיתיהו, כדי שיזכור תמיד את החסד שעשתה עמו בת פרעה, ויכיר לה טובה, ויודה לה תמיד על זה, ומזה נלמד קל וחומר, על אחת כמה וכמה עלינו לשבח ולהודות תמיד להשי"ת על רוב רחמיו וחסדיו.

**(טוב הפנינים)**

## ויאמר אלוקים אל משה אהיה אשר אהיה.

שמעתי אומרים בזה בשם הרב איש אלוקי המפורסם בישראל מורינו יעקב יצחק הלוי מלובלין (החוזה מלובלין) שעל כן היה יציאת מצרים בשם "אהיה" כי כל אחד מישראל לא היה אז ראוי לגאולה, רק במה שקיבל על עצמו עבודת ה', מעתה "אהיה" טוב, אף שעכשיו אני לא כן, ולכן נגאלו בשם זה.

**(באר מים חיים)**

## ויאמר אכן נודע הדבר.

זאגט רש"י אז משה רבינו האט געזאגט יעצט בין איך געוואויר געווארן דער טעם פארוואס אידישע קינדער מוטשענען זיך אזוי שווער אין גלות. לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האט דער גלות מצרים צו טון מיט די מעשה פון דתן ואבירם?

בס"ד

ענטפערט דער כסף נבחר א שיינעם תירוץ, דער מדרש זאגט (ילקוט שמעוני איוב תתצ"ז) אז ווען יהודה האט זיך געקריגט מיט יוסף האט ער געגעבן א שריי און פיתום ורעמסס זענען איינגעפאלן, וועגן דעם האט פרעה געהייסן אז די אידן זענען מחויב מן הדין צוריק צו בויען וואס זייער זיידע האט חרוב געמאכט.

אין די גמרא (בבא מציעא דף צ' ע"ב) איז דא א מחלוקה אויב א דיבור ווערט גערעכנט פאר א מעשה צי נישט, קומט אויס אז אויב זאג איך אז א דיבור ווערט גערעכנט פאר א מעשה האבן דאך אידן מן הדין געדארפט בויען פיתום ורעמסס, ווייל דער דיבור פון יהודה הייסט ווי ער האט דאס איינגעווארפן, משא"כ אויב איך זאג אז א דיבור איז נישט קיין מעשה, איז נישט געווען אויסגעהאלטן דאס וואס פרעה האט געהייסן די אידן בויען פיתום ורעמסס. משה רבינו האט זיך געוואונדערט פארוואס די אידן ארבעטן אזוי שווער אין מצרים, ער האט געהאלטן אז דער דיבור פון יהודה קען נישט גערעכנט ווערן פאר א מעשה, ממילא איז נישט אויסגעהאלטן אז מ'זאל מחייב זיין די אידן דאס צוריק צו בויען.

אבער יעצט ווען ער האט געהערט ווי דתן ואבירם זאגן אים "הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי", קומט דאך אויס אז אפילו ער האט גע'הרג'עט דעם מצרי נאר מיט א דיבור, מיטן שם המפורש ווערט דאס גערעכנט ווי ער האט אים גע'הרג'עט, האט ער געזאגט 'אכן נודע הדבר' פארוואס אידן זענען אזוי געפלאגט אין שיעבוד מצרים , ווייל דער דיבור פון יהודה ווערט יא גערעכנט ווי א מעשה.

# של נעליך מעל רגליך

**רוח שטות נכנסה באחד ממלכי אומות העולם וגזר שהיהודים והקראים יתווכחו במעמדו ויוכיחו דתם של מהם קודמת, הקראים שלחו את הגדול שבהם, היהודים שלחו את הפחות שבהם, שלוחם של הקראים בא לבוש בגדי יו"ט, שלוחם של היהודים בא לבוש בגדי חול, וכשנכנס שלוחם של היהודים חלץ נעליו ושם אותו תחת זרועו וניגש יחף אל המלך, כעס עליו המלך ואמר לו דע לפני מי אתה עומד, השיב שלוחם של היהודים ואמר: אדוני המלך, כבוד זה אנו נותנים גם למלך מלכי המלכים הקב"ה כמו שנאמר "של נעליך מעל רגליך", נחה דעתו של המלך ושאל: ולמה שמת נעליך תחת זרועך, השיב שלוחם של היהודים ואמר: אדוני המלך, עשיתי כך משום שפע"א אירעה לנו תקלה, כשהלכו להר סיני לקבל את התורה, חלצנו נעלינו לכבוד המקום ולכבוד התורה, וכשחזרנו מן ההר לא מצאנו את הנעליים מפני שהקראים גנבו אותן, קפץ שלוחם של הקראים והפסיקו: שקרן שכמותך, בשעת מתן תורה לא היו עדיין קראים בעולם, נענה שלוחם של היהודים ואמר: אדוני המלך שומע, הרי הוא עצמו מודה, שדתם של היהודים קדמה לדתם של הקראים.**

בס"ד

# מה שמו מה אומר אליהם

דער יר"ד הקדוש זי"ע האט געהאט א מנהג אז יעדעס יאר ראש השנה פאר תקיעת שופר האבן זיך אלע זיינע תלמידים אויסגעשטעלט אין א רייע און ער האט אויסגעוועלט דעם תלמיד וואס זאל היי יאר זיין דער בעל תוקע. און ער האט יענעם תלמיד אריין גענומען אין זיין חדר מיוחד און ער האט אים אויסגעלערנט די כוונות פון תקיעת שופר.

איין יאר האט זיך הרה"ק רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע ארייגעשטעלט צווישן די תלמידים, ער איז נאך געווען זייער יונג, און ער האט ניטאמאל געקענט בלאזן. ווען דער רבי איז אים אריבער געגאנגען האט ער אים אויסגעוועלט און ער האט אים אריין גענומען אין זיין צימער, און געלערנט מיט אים די כוונות פון תקיעת שופר.

נאכ'ן לערנען די כוונות רופט זיך אן רבי בונם "רבי, איך קען נישט בלאזן, איך בין נישט קיין בעל תוקע".

פרעגט אים דער יר"ד הקדוש "אויב אזוי פארוואס האסטו זיך געשטעלט צווישן די תלמידים וואס קענען בלאזן אויב דו ביסט נישט קיין בעל תוקע?".

האט ער געענטפערט אזוי, אין פרשת שמות געפונען מיר ווען דער אייבישטער האט געהייסן משה רבינו גיין צו פרעה האט ער געפרעגט "מה שמו מה אומר אליהם", און דער רבש"ע האט אים געזאגט אהי'ה אשר אהי'ה, נאכדעם זאגט ער ווייטער אז ער וויל נישט גיין, וויין והם לא יאמינו לי, ואני ערל שפתים, און ער קען נישט רעדן, איי, אויב קען ער סיי ווי נישט גיין פארוואס האט ער דעמאלטס געפרעגט מה שמו מה אומר אליהם?, נאר ער האט געוואלט מרוויח זיין צו געוואויר ווערן די שמות הק' אין די סודות התורה.

די תשובה איז שטארק געפאלן פאר'ן יר"ד הקדוש, און ער האט אריינגערופן א צווייטן תלמיד און אים אויסגעלערנט די כוונות.

בס"ד

א

# וואס איז דאס "ניטל"?

ליל שישי פרשת בא הבעל"ט

**שם רשעים ירקב**

אסאך גוים אין היינטיגע צייטן גלייבן אינעם "אותו האיש", אבער זיי אליין האבן נישט קיין קלארע ידיעה, ווייל די גאנצע מעשה איבער'ן "אותו האיש" (וואס מיר וועלן אי"ה באלד דערציילן), ווערט אראפ געברענגט אין די גמרא אויף עטליכע פלעצער אין ש"ס, במילא די אמת'דיגע ערציילונגען איז גענומען פון די גמרא.

עס איז אבער געווען שווערע גזירות אויף אידן במשך די אלע דורות, איינס פון די גזירות איז געווען אז מען דארף רח"ל אויסמעקן די אלע גמרות און ספרים וואס עס ווערט דערמאנט ענינים פון דעם "אותו האיש", אויף דעם האבן די גוים גענומען עקסטערע מענטשן וואס האבן איבערגעקוקט, אלע גמרות און משניות, אלע מפרשים פון די ראשונים, ווי למשל רש"י רמב"ן רא"ש און נאך... און אפילו פון די ספרי אחרונים וואו מען קען זעהן אין קיצור שו"ע ביים סוף ספר שטייט "השמטות הצנזור", דאס מיינט אז מען האט צוריק אריין געלייגט, דאס וואס די "צנזור" (אזוי האט געהייסן די וואס האבן גוזר געווען די גזירה) האבן ארויס גענומען. וועלן מיר פארציילן די מעשה, לויט ווי עס ווערט באשריבן אין די גמרא (היינט האט מען עס צוריק אריינגעלייגט מיטן נאמען "חסרונות הש"ס", אדער "השמטת הצנזור").

אין מסכת סנהדרין (דף סז.) שטייט, אז אותו האיש האט געהייסן "ישוע בן סטדא", נאר אין גמרא רופט מען אים "ישו הנוצרי" (מען האט אראפ גענומען די ע' פון ישוע, ווייל אזוי איז די ראשי תיבות י'מח ש'מו ו'זכרו), די מאמע פון "ישו" האט געהייסן מרים, וואס זי איז געווען די פרוי פון פפוס בן יהודה - וואס איז געווען מיט רבי עקיבא אין תפיסה - די פרוי מרים האט שפעטער חתונה געהאט רח"ל מיט א גוי וואס האט געהייסן "פונדירא", זיי האבן געבוירן דעם ממזר וואס האט געהייסן "ישוע", וועגן דעם הייסט ער "בן סטדא", ווייל אויף אראמיש הייסט עס "סָטֶת דָא" זי האט אוועק געקערט פונעם אידישן וועג.

**וואס איז געשעהן מיט דעם "ישו" הנוצרי?**

כדי צו וויסן וואס האט פאסירט מיט "ישו", וועלן מיר פארציילן א מעשה וואס שטייט אין גמרא (קידושין סו.) ינאי המלך האט געפירט גרויסע מלחמות, ווען ער האט איינגענומען 60 שטעטלעך אין מדבר, האט ער זיך זייער געפריידט, און ער האט געמאכט א סעודה כיד המלך, ביי די סעודה האט ער צוזאמגערופן אלע חכמים און ער איז געווען זייער בשמחה. דארטן איז געווען א שלעכטער מענטש, א לץ, און א פראסטער, וואס האט געהייסן אלעזר בן פועירא, האט ער זיך אנגערופן צו ינאי המלך און געזאגט, ינאי המלך, זאלסט וויסן אז די ערליכע אידן האבן דיך נישט ליב, האט ינאי געפרעגט, פון וואו וועל איך וויסן אז דו רעדסט ריכטיג?, זייער פשוט - ענטפערט אלעזר - נעם ארויף אויף דיר די ציץ פון כהן גדול, וועסטו שוין זעהן וואס די אידן וועלן זאגן. [ער האט דוקא געגעבן די עצה, ווייל באמת איז ינאי געווען א אייניקל פון מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, נאר עס איז געווען א שמועה אז די מאמע פון ינאי איז אינמיטן א מלחמה געווען געפאנגען, וואס די הלכה איז אז זי טאר נישט חתונה האבן מיט א כהן, אויב אזוי איז ינאי נישט א כשר'ע כהן, נאר א חלל......].

ווען ינאי המלך האט זיך אויפגערעגט אויף די אלע חכמי ישראל און זיי געוואלט הרג'ענען, האבן זיך דערוואסט פון דעם א טייל פון די חכמים, און זיי זענען אנטלאפן קיין אלכסנדריה - א שטאט אין מצרים, צווישן זיי איז געווען דער תנא ר' יהושע בן פרחיה מיט זיינע תלמידים, וואס איינער פון זיי איז געווען "ישוע בן סטדא", וואס מען האט נאכגעשט געוואוסט זיינע שלעכטע מעשים, מיט זיינע פארקרומטע מחשבות אין אידישקייט.

די גאנצע צייט איז די גאנצע געגנט געווען אן תורה, אן תלמידי חכמים, חוץ פון דער תנא שמעון בן שטח, וואס זיין שוועסטער - די מלכה פון ינאי המלך - האט אים באהאלטן, ווען זי האט זיך דערוואוסט דעם אכזריות'דיגן פלאן פון איר מאן אנטקעגן די חכמים.

איינמאל זענען אנגעקומען די חכמים פון רוימישן קייסער, זיך דורך שמועסן מיט ינאי אין פארשידענע זאכן, זיי האבן געפרעגט פאר ינאי, וואו איז דער קלוגער איד וואס פלעגט זיצן דא ביי דיר אין פאלאץ? (דאס איז געווען זיין שוואגער שמעון בן שטח) פארשעמטערהייט האט ער זיך געבעטן ביי זיין מלכה, אז זי זאל אזוי גוט זיין, און ארויס ברענגען איר ברודער פון זיין באהעלטעניש. די מלכה האט זיך קודם געמאכט כאילו זי ווייסט נישט פון גארנישט, אבער ער האט זיך געבעטן ביי איהר אז ער מיינט עס אמת'דיג, אז ער וועט אים גארנישט טוהן, ווען די מלכה האט געזעהן אז ער מיינט עס טאקע אמת'דיג, האט זי מסכים געווען צו ערפילן זיין פארלאנג.

דערנאך האבן זיי געבעטן פון ינאי, אז ער זאל לאזן צוריק ברענגען די חכמים פון מצרים, ינאי האט מסכים געווען דערצו, און שמעון בן שטח האט טאקע געשיקט א בריוו קיין מצרים, וואו ער בעט זיך אז מען זאל צוריק קומען.

ר' יהושע בן פרחיה האט זיך ארויס געלאזט אויפן וועג מיט זיינע תלמידים, אבער ביים ארויס גיין פון מצרים האט ישוע בן סטדא זייער שטארק געוואלט מיטנעמען מיט זיך, פון די "כישוף" וואס האט זיך געדרייט אין מצרים (מצרים איז געווען די מערסטע כישוף פון די וועלט, ווי די גמרא זאגט אין קידושין מט:, אז 10 מאס כישוף איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, און מצרים האט גענומען 9 חלקים ! און פון די צענטע האבן זיך צוטיילט די גאנצע וועלט), וואס האט ישוע געטוהן? ער האט זיך אריינגעשניטן אין זיין פלייש, און אריינגעשטופט די כישוף, און צוגענייט די פלאץ, ביים ארויסגיין פון מצרים האט ער עס צוריק אויפגעשניטן און ארויס גענומען. דאס האט ער שפעטער - ליידער - גוט אויסגענוצט.

אינמיטן לאנגן וועג, האבן זיך ר' יהושע מיט זיינע תלמידים, אפגעשטעלט אין עפעס א "גאסט הויז", די פרוי פונעם גאסט הויז האט זיי זייער שיין באדינט, ר' יהושע האט זיך אנגערופן צו ישוע, "קוק ווי שיין באדינט אונז די פרוי פונעם גאסט הויז", האט ישוע געענטפערט, "אבער אירע אויגן זענען זייער מיאוס"!, האט ר' יהושע בן פרחיה זיך צושריגן, וואס?! מיט דעם ביסטו פארנומען?!, ר' יהושע האט באמת געזוכט א געלעגנהייט צו אוועק שיקן זיין תלמיד ישוע, און יעצט האט ער געהאט די געלעגנהייט, האט ער ארויס גענומען מיט די תלמידים 400 שופרות! און מען האט אים אריינגעלייגט אין חרם רח"ל.

דער ישוע האט זיך געמאכט כאילו ער איז געווארן שטארק גערירט, און ער האט זיך געבעטן ביי זיין רבי'ן אז ער זאל אים צוריק נעמען, פארשטייט זיך, אז ר' יהושע האט נישט געוואלט הערן דערפון נאר ער האט אים נאכאמאל און נאכאמאל אוועק געשטויסן פון זיך.

(פארזעצונג אי"ה די קומענדיגע וואך)

בס"ד

# פון מדרשים פון די וואך

## וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא

יוסף איז אלט געווען הונדערט און צעהן יאר (110) ווען ער איז נפטר געווארן, יוסף האט געלעבט די וויינסטער פון אלע שבטים, ער האט געדארפט לעבן הונדערט צוואנציג יאר, נאר ווען זיינע ברודער'ס זענען געקומען קיין מצרים קויפן תבואה, האבן זיי געזאגט אקעגן יוסף צען מאל אויף זייער טאטע יעקב "עבדך אבינו" דיין קנעכט, און יוסף איז שטיל געשוויגן, און די שכר אויף כיבוד אב ואם איז אריכות ימים, און ווייל ער איז שטיל געבליבן ווען מ'האט אזוי געזאגט אויף זיין טאטע, האט מען אים אראפ גענומען צען יאר.

## ויקם מלך חדש על מצרים

די גרויסע מענטשן פון מצרים האבן געטראכט עצות ווי אזוי צו פייניגן די אידישע פאלק, אבער פרעה דער קעניג האט זיך נישט געלאזט איינרעדן פון זייערע ווערטער, און ער האט זיי געשריגן 'אונז האבן מיר געגעסן פון יוסף און אין זיין זכות האבן מיר אונז געהאט צו עסן, און ווען נישט אים וואלט איר נישט געלעבט, און יעצט ווילן ענק מלחמה האלטן מיט זיי?!'.

ווען די מענטשן האבן דאס געהערט האבן זיי אים אראפ גענומען פון די מלוכה, האט ער נישט געהאט קיין ברירה, ער האט געוואלט צוריק ווערן קעניג, האט ער געמוזט מסכים זיין צו מאכן אלע גזירות און צרות פאר די אידישע פאלק, וועגן דעם ווערט ער אנגערופן "מלך חדש".

## הבה נתחכמה לו

פרעה איז געזעצן מיט זיינע עצות געבער צו טראכטן וואס מ'קען טוהן מיט די אידן, דארט איז געזעצן אויך בלעם, יתרו, און איוב.

בלעם, האט געגעבן א עצה אז מ'זאל פייניגן די אידן, און פרעה האט טאקע געטוהן צום סוף אזוי ווי זיין עצה, בלעם איז געשטראפט געווארן אז יארן שפעטער האבן אים די אידן גע'הרג'עט נאך וואס בלק האט אים גערופן צו שעלטן די אידן, אזוי ווי מיר וועלן לערנען אין פרשת מטות.

איוב, איז שטיל געווען און ער האט גארנישט מייעץ געווען אויף די אידן, איז געשטראפט געווארן אז ער האט געליטן שווערע יסורים ווייל ער האט זיך נישט אקעגן געשטעלט אנטקעגן בלעם.

יתרו, האט מייעץ געווען אז ס'איז נישט כדאי אנצוהייבן מיט די אידן, און ער האט מוחה געווען אנטקעגן די שלעכטע און שווערע גזירות אויף די אידן, און האט וועגן דעם געמוזט אנטלויפן קיין מדין, ווייל פרעה האט אים געוואלט הרג'ענען, איז ארויס געקומען פון אים אייניקלעך וואס זענען געזעצן אין לשכת הגזית אין בית המקדש.

## וימררו את חייהם

די מצריים האבן געזוכט מיט וואס מער צו פייניגן די אידן, זיי האבן געטוישט די ארבעט פון די מענער אויף די ווייבער, און אזוי אויך פארקערט, זיי האבן געהייסן פאר אלע מענער זאלן קאכן, קנעטן, באקן,

בס"ד

וואשן די קליידער, און געשיר א.א.וו. און פאר די ווייבער האבן זיי געהייסן אקערן די פעלדער מיט די אקסן, איינזייען, שניידן דיביימער, בויען הייזער, שלעפן שטיינער א.א.וו.

פרעה האט געשטעלט אידישע פאליציי זאלן אכטונג געבן אז די אידן זאלן ארבעטן, און ער האט געצווינגען די אידישע פאליציי אז זיי זאלן שלאגן און פייניגן די אידן, און אויב די אידישע פאליציי האבן נישט געפייניגט די אידן, האבן די פאליציי פון די מצריים זיי געשלאגן, און די אידישע פאליציי האבן עס אנגענומען מיט ליבשאפט, און דער אייבישטער האט זיי באצאלט אז ווען דער אייבישטער האט געהייסן פאר משה רבינו מ'זאל נעמען זיבעציג מענטשן און קומען מיט זיי צום אוהל מועד און זיי וועלן אים העלפן, האט משה זיי גענומען און די שכינה האט גערוהט אויף זיי, און זיי זענען טאקע אויסגעוועלט געווארן צו זיין די 'שבעים זקנים'.

## <u>כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו</u>

נאך הונדערט און דרייסיג יאר וואס די אידן זענען געווען אין מצרים, האט פרעה גע'חלומ'ט ווי א עלטערער מענטש שטייט נעבן אים און ער האלט א וואג-שאל אין די הענט, אויף איין זייט פון די וואג זענען געווען אלע גרויסע שרים פון מצרים, און אויף די אנדערע זייט פון די וואג איז געווען א טלה – א לעמעלע (עס איז מרמז אויף די טלה פון די עבודה זרה פון די מצריים וואס די אידן וועלן שחט'ן פאר ווען זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים אויף א קרבן פסח) און ער זעהט ווי אזוי די טלה האט איבער געוואויגן די אלע שרים פון מצרים. פרעה האט זיך זייער דערשראקן פון די חלום, האט ער גערופן בלעם מיט איוב און יתרו און ער האט זיי פארציילט דעם וואונדערליכן חלום, יתרו האט זיך אנגערופן אז די אידישע פאלק האבן א גרויסער באשעפער וואס האט זיי אייביג אכטונג געגעבן, ווען זייער זיידע אברהם איז געקומען קיין מצרים און פרעה האט געטשעפעט מיט אים, האט דער באשעפער אים באשראפט, אויך פאר אבימלך וואס האט געטשעפעט מיט אברהם און מיט זיין זוהן יצחק האט אים דער באשעפער באשטראפט, אזוי אויך עשו און לבן וואס האבן פראבירט צו טשעפענען מיט יעקב, אבער דער באשעפער האט אים אכטונג געגעבן און זיי האבן אים נישט געקענט בייקומען, אויך אין זיין זכות האט זיך געענדיגט דא די הונגער, און וועגן די אלע זאכן בעט איך דיר דו זאלסט נישט טשעפענען מיט די אידן, נאר מיין עצה איז דו זאלסט זיי אוועק שיקן קיין ארץ כנען אוואו זייערע עלטערן האבן געוואוינט.

פרעה האט זיך זייער אויפגערעגט אויף יתרו, און יתרו האט געמוזט אנטלויפן קיין מדין, דערנאך האט פרעה געפרעגט פאר איוב וואס ער זאגט אויף די חלום, האט איוב געזאגט, ווער קען דען זאגן פאר א קעניג וואס צו טוהן?, איוב האט אזוי געענטפערט, ווייל ער האט נישט געוואלט רעדן שלעכטס אויף די אידן, און ער האט מורא געהאט פון פרעה.

בלעם האט געזאגט פאר פרעה, אז ער דארף נישט מורא האבן צו טשעפענען די אידן, טאקע, מיט פייער וועט מען גארנישט קענען טוהן פאר די אידן, ווייל נמרוד האט שוין פראבירט אריין צוווארפן זייער זיידע אברהם אין פייער און ס'איז אים נישט געלונגען, אזוי אויך מיט א שווערד וועט מען נישט קענען שלעכט'ס טוהן, ווייל יצחק איז שוין געווען אונטער א מעסער, און ער איז געראטעוועט געווארן די לעצטע מינוט, די זעלבע זאך, ארבעטן שווער איז אויך נישט קיין עצה זיי צו געווינען, ווייל יעקב האט שוין באוויזן צו בלייבן לעבן אפילו נאך וואס ער האט געארבעט שווער צוואנציג

בס"ד

יאר ביי לבן אין די היץ און אין די קעלט, און ער איז אפילו נישט געשלאפן געהעריג, און מיט דעם אלעם האט אים דער באשעפער געהאלפן, דעריבער לאמיר מאכן א נייע גזירה וואס קיינער האט נאך נישט פראבירט, מ'זאל אריין ווארפן זייערע באבעלעך אין טייך, און אזוי וועט מען באפרייט ווערן פון די אידישע פאלק, די עצה פון בלעם איז זייער געפעלן פאר פרעה, און ער האט געהייסן מ'זאל אריין ווארפן אלע יונגעלעך באבעלעך אין טייך, ווייל זיינע שטערן-זעהר'ס האבן אים געזאגט אז זיי ווייסן נישט פון וואו שטאמט דער וואס וועט אויסלייזן די אידן.

## כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו

צוויי און א האלב יאר פאר ווען משה רבינו איז געבוירן געווארן האט מען שוין אריין געווארפן די באבעלעך אין טייך, מער ווי צען טויזנט אידישע באבעלעך האט מען אריין געווארפן אין טייך, אבער דער אייבישטער האט געמאכט א נס אז די ים כוואליעס (גלי הים) האבן זיי אויסגעשפיגן אין די אנדערע זייט פונעם טייך, און זיי זענען אנגעקומען אין א וואלד, און דארט האט זיי דער אייבישטער געשיקט צוויי שטיינער, איינס פאר מילעך און איינס פאר האניג, און אזוי האבן זיי געקענט וואקסן, און ווען די מצריים זענען דארט אנגעקומען, האט די ערד זיי איינגעשלונגען, און די מצריים האבן געאקערט אין די ערד מיט לאנגע אייזנעס, אבער זיי האבן זיי נישט געטראפן, און ווען די מצריים זענען אוועק געגאנגען פון דארטן, זענען די באבעלעך צוריק ארויס געקומען פון די ערד.

ווען די קינדער זענען גרויס געווארן, איז יעדער צוריק אהיים צו זיין שטוב, און די מאמעס האבן זיי נישט דערקענט.

די גזירה האט זיך געענדיגט ווען מ'האט באהאלטן משה אין די קאסטן און מ'האט אים געלייגט ביי די וואסער, ווייל די שטערן זעהר'ס האבן געזעהן אז דער וואס וועט העלפן די אידן האט מען שוין אריין געווארפן אין די וואסער.

## ותרא אותו כי טוב הוא

אין די טאג וואס משה איז געבוירן האט ער שוין גערעדט מיט זיין טאטע און זיין מאמע און מרים האט אים געגעבן א נאמען "טוב"

## ותרד בת פרעה

בתיה איז געגאנגען מיט אירע באדינער'ס זיך באדן, האט זי געטראפן דארט די קאסטן, און זי האט עס געוואלט נעמען, אבער זי האט נישט געקענט אנקומען צו דעם, און ס'איז געשעהן א נס אז איר האנט איז געווארן לאנג זעכציג אמה, ווען זי האט געעפנט די קאסטן האט זי געטראפן א לעכטיגע אידישע קינד וויינט, און זי האט רחמנות געהאט אויף אים, אירע באדינערס האבן איר געזאגט אז ווער נאך ווי דיר די טאכטער פון פרעה וואס האט געמאכט די גזירה דארף אים הרג'ענען, איז געקומען א מלאך און האט גע'הרג'עט אירע באדינערם.

פארוואס איז בתיה בת פרעה געגאנגען צום טייך? אין ילקוט סיפורים ווערט געברענגט אז זי האט באקומען שווערע קרעץ און זי האט זיך שוין נישט געקענט וואשן מיט ווארעם וואסער, איז זי געגאנגען צום טייך זיך וואשן, און דארט האט זי געטראפן דאס קעסטל מיט א וויינעדיג קינד, האט זי גענומען דאס קינד און אים דערהאלטן ביים לעבן, דעמאלטס איז זי אויך אויסגעהיילט געווארן פון איר קרעץ. און חז"ל זאגן אז כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא, וועגן דעם האט זי זוכה געווען צו חיי העולם הבא.

בס"ד

אין ספר מאור האפילה שטייט אז זי איז געגאנגען זוכן פערל שטיינער ווייל ווען עס רעגנט און דאס וואסער רינט אראפ פון די גיחון בערג, דעמאלטס ווערט מיטגעשלעפט טייערע שטיינער וואס קומען צופארן מיטן וואסער, און דאס איז געווען די סיבה פארוואס בתי' בת פרעה איז געגאנגען צום טייך קלויבן טייערע שטיינער.

אין מדרש משלי (פרק ל"א) ווערט געברענגט אז בתי' בת פרעה האט זיך מגייר געווען, און ווייל זי האט זיך אפגעגעבן מיט משה רבינו איז זי אריין לעבעדיגערהייט אין גן עדן.

די גמרא זאגט אין מסכת מגילה (דף י"ג ע"א) אז בתי' בת פרעה האט חתונה געהאט מיט "כלב בן יפונה", מדה כנגד מדה, ווייל ער האט זיך ארויס געשטעלט און האט ווידערגעשפעניגט אין די עצה פון די מרגלים, זאל ער חתונה האבן מיט בתי' וואס האט מורד געווען אין די עבודה זרה'ס פון איר טאטנ'ס הויז.

## ויברח משה מפני פרעה

משה איז געכאפט געווארן ביי פרעה'ס פאלאץ ווייל דתן מיט אבירם האבן פארציילט אז ער האט גע'הרג'עט א מצרי, און פרעה האט אים געוואלט משפט'ן, ס'איז אראפ געקומען א מלאך פון הימל און דער מלאך האט זיך פארשטעלט אויף משה, און ער האט באהאלטן משה, פרעה האט געפרעגט פאר זיינע באדינער'ס וואו איז משה, אבער קיינער האט אים נישט געענטפערט, ווייל איינער פון זיי איז געווארן שטום, און דער אנדערער איז געווארן בלינד א.א.וו. און דעמאלטס איז משה אנטלאפן פון פרעה'ס שטוב.

אין יענע צייט איז פארגעקומען א גרויסע מלחמה צווישן דער קעניג פון כוש, מיט די קעניגן פון ארם און קדם וואס זענען געווען אונטער זיין הערשאפט, און זיי האבן ווידער געשפעניגט אין אים, און דער מלך פון כוש איז ארויס א מלחמה אקעגן זיי, און ער האט געזאגט פאר בלעם און זיינע קינדער אז דערוויל זאלן זיי פירן די שטאט ביז ווילאנג ער וועט צוריק קומען פון די מלחמה, דער מלך פון כוש האט מלחמה געהאלטן און האט געוווינען די מלחמה, אבער ווען ער איז נאך געווען דארט האט בלעם אפגעשמועסט מיט די מענטשן פון די שטאט אז יעצט זאלן זיי ווידער שפעניגן אינעם מלך און מ'זאל אים נישט אריין לאזן אין שטאט, און ער האט מיט כישוף געמאכט גרויסע חומות ארום די שטאט און שלענג האבן ארום גענומען פון אלע זייטן, ווען דער מלך איז אנגעקומען דארט האט ער פארשטאנען אז דאס איז א ווידער-שפעניגונג, און ער האט פראבירט צו מלחמה האלטן, אבער בלעם האט מיט זיין כישוף אים אייביג געווינען. דעמאלטס איז משה אוועק געלאפן פון פרעה און ער איז אנגעקומען אהין דארט ביי די מיליטער פון דער מלך פון כוש, און ער האט זיך דארט געדרייט, און זיי האבן אים זייער געשעצט און ליב געהאט, ווייל ער איז געווען א קלוגער, א גיבור, און א מענטש מיט אלע מעלות, אפילו ער איז נאך געווען דעמאלטס זייער יונג, נאר צוואנציג יאר אלט, און דער מלך האט אים גענומען פאר א יועץ, נאך ניין יאר פון מלחמות איז דער מלך קראנק געווארן און ער איז געשטארבן, און מ'האט אים באערדיגט אויף צפון זייט אקעגן די שטאט.

די מיליטער פון כוש זעענדיג אז זיי זענען געבליבן אן קיין מלך, האבן זיי זיך צוזאמגענומען און באשלאסן אז דער פאסיגסטער מענטש צו אויפנעמען פאר א מלך איז משה רבינו, און זיי האבן אים טאקע אויפגענומען פאר א מלך אויף זיי, אין איינע פון די טעג האט זיי משה געזאגט כ'האב א עצה ווי אזוי צו קענען אריין גיין אין שטאט, יעדער איינער פון די מיליטער זאל גיין אין

בס״ד

וואלד און פאנגען א חסידה און יעדער זאל נעמען א אפרוח פון די חסידה און איר אויסלערנען צו פליעהן אזוי ווי אלע פייגלעך, און ווען יעדער האט אזוי געטוהן, האט זיי משה געזאגט, יעצט זאל יעדער איינער אויסהונגערן די אפרוח דריי טעג זאל מען איר נישט געבן צו עסן, און אזוי האבן זיך די גאנצע מיליטער ארויס געלאזט אויף די מלחמה יעדער איינער מיט זיין אפרוח אין די הענט, ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צו די חומה האט משה געהייסן יעדער איינער זאל לאזן פליהען די אפרוח, און וויבאלד זיי זענען געווען זייער אויסגעהונגערט האבן זיי שנעל אויפגעגעסן אלע שלענג און ס'איז פון זיי גארנישט געבליבן, דעמאלטס איז מען אריין אין שטאט, און מ'האט גע'הרג'ט די אלע וואס האבן ווידער געשפעניגט, און בלעם מיט זיינע קינדער זענען אנטלאפן קיין מצרים, און זיי זענען געווען די חרטומי מצרים וואס ווערט דערמאנט אין פרשת וארא.

משה איז געווארן זייער גרויס, און אלע מענטשן פון כוש האבן אים זייער ליב געהאט, ווייל מיט זיין חכמה האט ער זיי צוריק געברענגט אין שטאט נאך אזויפיל יארן פון מלחמה, און זיי האבן געגעבן פאר משה די ווייב פון דער אלטער מלך וואס איז געשטארבן, אבער וויבאלד ז' האט געשטאמט פון כנען וואס נח האט געשאלטן, האט משה נישט חתונה געהאט מיט איר.

נאכדעם ווען די קעניגן פון ארם און קדם האבן געהערט אז דער מלך איז געשטארבן האבן זיי נאכאמאל ווידער–געשפעניגט, און משה איז ארויס א מלחמה אקעגן זיי און געווינען די מלחמה מיט א גרויסער נצחון, ער האט גע'הרג'עט דריי הונדערט מענטשן, און מער האט ער שוין נישט געדארפט הרגענען, ווייל די איבעריגע האבן זיך גלייך אונטער געגעבן, און אזוי איז משה'ס מלוכה געוואקסן העכער און העכער.

איינמאל איז די מלכה פון דעם אלטן קעניג געקומען מיט א טענה, וואס האבן ענק געטוהן, מ'האט אויפגענומען פאר א קעניג א מענטש וואס גלייבט בכלל נישט אין אונזער גלויבן און ער וויל אויך נישט חתונה האבן מיט מיר, ס'פאסט נישט צו נעמען פאר א קעניג אזא מענטש וואס איז בכלל נישט פון אונזערע, פארוואס קען מען נישט נעמען דער זוהן פונעם אלטן קעניג וואס איז דערווייל שוין געווארן גרויס און ער איז דען נישט פאסיג צו זיין מלך?, און די ווערטער איז געפעלן פאר די שרים און חשובע מענטשן פון כוש, און זיי האבן באלד אויפגענומען דעם זוהן פון דעם אלטן קעניג אלס מלך, אבער וויבאלד זיי האבן מורא געהאט פון משה וואס ער איז געווען ביי זיי ווי א מלאך אלוקים, האבן זיי אים געברענגט אסאך מתנות און זיי האבן אים שיינערהייט פארציילט וואס דא איז געווען און אז זיי האבן געמוזט אויפנעמען א נייעם קעניג, און אזוי איז משה אוועק געגאנגען פון די שטאט כוש און איז געגאנגען קיין מדין.

## ולכהן מדין שבע בנות

די שידוך פון משה איז געווען אזוי ווי די שידוך פון יצחק און יעקב, וואס זיי האבן געטראפן זייער שידוך ביי די ברין וואסער, אויך משה האט דארט געטראפן זיין שידוך, און ביי די זעלבע ברין וואס יעקב האט געטראפן רחל, האט יעצט משה געטראפן די טעכטער פון יתרו, משה איז דעמאלטס אלט געווען זיבן און זעכציג יאר, משה האט זיי געהאלפן צו געבן צו טרינקען פאר זייערע שאף און אזוי זענען זיי אהיים שנעלער ווי יעדן טאג, אנקומענדיג אהיים האט זיי יתרו געפרעגט ווי אזוי זענען ענק אזוי שנעל אהיים געקומען, האבן זיי

בס"ד

גענטפערט אז א איש מצרי האט אונז געהאלפן, און אזוי האבן מיר שנעל געענדיגט צו געבן צו טרינקען פאר די שאף, יתרו האט זיי געפרעגט פארוואס האבן ענק אים נישט גערופן צו געבן צו עסן, איז איינער פון די טעכטער פון יתרו געלאפן רופן משה צו זייער שטוב, משה איז געקומען צו די שטוב פון יתרו, און ער האט פארציילט פאר יתרו וואס איז געווען מיט אים, און וויאזוי ער איז אנטלאפן פון פרעה און אז ער איז געווען פערציג יאר קעניג פון כוש און אז מ'האט אים אראפ גענומען פון זיין מלוכה, און אזוי איז ער אנגעקומען צו די ברין וואסער, יתרו האט געזאגט אויב מ'האט אים אראפ גענומען פון די מלוכה איז א סימן אז ער האט געטוהן שלעכטס האט ער אים אריין געלייגט אין תפיסה, און ער האט נישט געלאזט אריין טראגן פאר משה עסן און טרינקען, ציפורה די טאכטער פון יתרו האט יעדן טאג שטילערהייט געטראגן עסן און טרונקען פאר משה, אזוי איז ער געווען צען יאר אין תפיסה, און ציפורה אינזין געהאט יעדן טאג אים צו ברענגען צו עסן, נאך צען יאר האט ציפורה געפרעגט פאר איר טאטע, וואס איז מיט משה אין תפיסה, האט יתרו געזאגט מסתמא איז ער שוין געשטארבן, האט ציפורה געזאגט פאר איר טאטע אז דער אייבישטער האט אייביג געמאכט נסים פאר זייערע עלטערן, פאר אברהם ביי די קאלטע אויוון, יצחק ביי די מעסער פון די עקידה, יעקב איז ניצול געווארן פון דער מלאך פון עשו, און פאר משה האט דער אייבישטער אויך געמאכט נסים אז פרעה האט אים נישט געקענט הרג'ענען, האט יתרו געעפנט די תפיסה און ער האט אים טאקע געטראפן ביים לעבן, און דעמאלטס האט משה געהאלטן אינמיטן דאווענען א תפילה צו דער אייבישטער, און מ'האט אים אנגעטוהן שיינע קליידער און אלע זענען געקומען זעהן ביי יתרו'ס שטוב די גרויסע וואונדער.

## די שטעקן

די שטעקן וואס משה האט געהאט ביי זיך א גאנצע צייט איז באשאפן געווארן ערב שבת בין השמשות, אדם הראשון האט עס געגעבן פאר חנוך, און חנוך האט עס געגעבן פאר שם בן נח, און שם האט עס געגעבן פאר אברהם, און אברהם פאר יצחק, און יצחק פאר יעקב, און יעקב פאר יוסף, ווען יוסף איז נפטר געווארן, האט עס פרעה צוגענומען, און ווען יתרו איז אנטלאפן פון פרעה, האט ער עס מיטגענומען, און יתרו האט עס אנגעפלאנצט אין מדין, און יתרו מיט נאך שטארקע מענטשן האבן עס פראבירט ארויס צו נעמען פון די ערד און קיינער האט נישט געקענט, יתרו האט צוגעזאגט אז ווער ס'וועט עס ארויס נעמען פון די ערד וועט התונה האבן מיט זיין טאכטער ציפורה, און נאר משה האט עס געקענט ארויס נעמען, און יתרו האט געגעבן זיין טאכטער ציפורה פאר משה.

זי האט געהייסן ציפורה, ווייל ביי א מצורע ווען מ'האט אים גערייניגט האט מען געדארפט נעמען צוויי פייגעלעך, און וויבאלד זי האט אויסגערייניגט יתרו'ס שטוב פון עבודה זרה, און אלע שוועסטער'ס פון ציפורה האבן זיך מגייר געווען בזכות איר, און ציפורה האט זיך אויפגעפירט אזוי ווי שרה רבקה רחל און לאה.

נאך וואס משה האט חתונה געהאט מיט ציפורה האט יתרו געבוירן יונגלעך בזכות משה, ווייל ביז דעמאלטס האט ער געהאט נאר מיידלעך.

בס"ד

# קעסטל רעטעניש

**מעק אויס די נומערן וואס באטרעפן: ג – ז – ח – ט – כ – ס – ק**

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 10 | 9 | 60 | 50 | 2 | 20 | 8 | 6 | 100 | 3 |
| 100 | 30 | 3 | 1 | 60 | 200 | 20 | 7 | 300 | 10 |
| 300 | 10 | 20 | 6 | 8 | 6 | 200 | 3 | 80 | 7 |
| 200 | 10 | 60 | 6 | 9 | 6 | 100 | 8 | 90 | 200 |
| 7 | 6 | 40 | 90 | 20 | 70 | 10 | 6 | 6 | 2 |
| 4 | 60 | 1 | 40 | 4 | 8 | 1 | 3 | 40 | 2 |
| 5 | 8 | 60 | 1 | 100 | 30 | 40 | 3 | 400 | 6 |
| 60 | 40 | 400 | 1 | 9 | 90 | 100 | 200 | 20 | 1 |

**די אנדערע נומערן שרייב אריין די אותיות וואס זיי באטרעפן**
**אין די קומענדיגע קעסטלעך וועסטו טרעפן א פסוק פון די וואך**

## וואס לערנט מען ארויס פון די פסוק?

- ☐ אז דער אייבערשטער האט ליב די אידן
- ☐ אז יוסף איז געבליבן מיט זיין צדקות אין מצרים
- ☐ אז די אידישע מאמעס האבן געבוירן זעקס באבעלעך אויף איין מאל
- ☐ אז משה האט גע'הרג'עט די מצרי מיטן שם המפורש